# וואס איז געצוואונגענע הייראט?



# אינהאלט


וואס איז א געצוואונגענע הייראט? 4

וואס קען איך טון? 6

איר זענט נישט אליין 8

אפט געפרעגטע פראגעס 14

הילף און שטיצע 18

# וואס איז
# א געצוואונגענע
# הייראט?

## סיי וועלכע מענטש קען אריינגעצוואונגען ווערן אין א הייראט - דאס רעכנט אריין מענטשן פון יעדע עלטער, מין, עטניסיטיס, אין רעליגיע.

א געצווינגענע הייראט איז וואו איינער אדערביידע מענטשן טוען נישט אדער קענען נישט צושטימען צום הייראט און דרוק אדער אביוז ווערט גענוצט זיי אריינצוצווינגען אינעם הייראט. עס איז אויך ווען עפעס ווערט געטון צו מאכן איינעם הייראטן איידער זיי ווערן 18, אפילו עס איז נישט דא קיין דרוק אדער אביוז.

געצווינגענע הייראט איז אומלעגאל אין ענגלאנד. עס איז א פארעם פון דאמעסטישע אביוז און איז אן ערנסטע אביוז פון מענטשליכע רעכטן.

> צוואונגען איינעם צו הייראטן מוז נישט אלעמאל זיין פיזיש, אבער איז אלעמאל קעגן דעם געזעץ.

דער דרוק וואס ווערט ארויפגעלייגט אויף א מענטש צו הייראטן קען זיין פון אנדערע סארטן:

- **פידזישע דרוק** קען זיין דראונגען אדער געוואלדטאטן (אריינגערעכנט געשלעכטליכע געוואלדטאטן)

- **עמאציאנאלע אדער פסיכאלאגישע דרוק** קען זיין אין א פארם פון מאכן איינעם שפירן וואו זיי ברענגען א שאנדע אויף די משפחה, זיי מאכן גלייבן אז איינער נאנט צו זיי קען ווערן אויסגעשטעלט צו קרענק אויב זיי הייראטן נישט, אדער זיי צוריק האלטן פון פרייהייט אדער געלט אויב זיי שטימען נישט צו צו דעם הייראט.

אבער ווען א מענטש וואס גייט הייראטן איז אונטער 18 יאר, דאן טון עפעס זיי צו מאכן הייראטן איז א פארברעך – עס מוז נישט זיין דרוק.

אין געוויסע פעלער קענען מענטשן ווערן גענומען צו אן אנדערע לאנד אן וויסן אז מען וועט זיי הייראטן. ווען זיי קומען אן אין יענע לאנד, קענען זייערע פאספארט(ן)/טראוועל דאקומענטן ווערן אוועקגענומען צו פרובירן זיי אפשטעלן פון צוריקגיין צו ענגלאנד.

## וואס איז צושטימונג?

פאר א הייראט צו האבן צושטימונג, מוזן ביידע מענטשן וואס הייראטן אריינגיין אין דעם פרייוויליג. איר דארפט פילן ווי איר האט אן אויסוואל.

לעגאל, קענען מענטשן מיט לערנען דיסאביליטיס אדער א שווערע גייסטיש געזונטהייט צושטאנד נישט צושטימען צו הייראט, אפילו אויב זיי שפירן אז די הייראט איז וואס זיי ווילן.

## וואס איז א צוגערייטע הייראט?

ווען עס קומט צו די הייראט פון ערוואקסענע, איז אן אראנזשירטע הייראט נישט די זעלבע ווי א געצווינגענע הייראט. אין אן אראנזשירטע הייראט, טוען די פאמיליעס נעמען א פירנדע ראלע אין אויסוועלן די הייראט שותף, אבער ביידע אינדיווידואלן זענען פריי צו וועלן אויב זיי ווילן הייראטן.

ווען עס קומט צו די הייראט פון קינדער (ביז צו 18) איז נישט דא קיין חילוק צווישן אן אראנזשירטע הייראט און א געצווינגענע הייראט. טון עפעס צו גורם זיין א קינד צו הייראטן איז א געצווינגענע הייראט – און איז א פארברעך.

> אויב איר באשליסט צו הייראטן, אבער שפעטער טוישט איר אייער באשלוס - אבער איר שפירט נאכאלס אז איר וועט ווערן פארלאנגט צו אריינגיין אין דעם הייראט - דאן איז עס א געצוואונגענע הייראט.

# וואס קען איך טון?

אויב זענט איר אין א באלדיגן געפאר רופט די פאליציי אויף 999.

אויב איר אדער איינער וואס איר קענט ווערט ארייגעצוואונגען אין א הייראט סיי אויב אין די UK אדער אין אן אנדערן לאנד, קענט איר קאנטאקטן דעם פארסט מערידזש יוניט.

## וואס איז דער פארסט מערידזש יוניט?

דער פארסט מערידזש יוניט שטעלט צו הילף און שטיצע פאר וויקטים'ס, די וואס זענען אין געפאר און פראפעסיאנאלן.

דער פארסט מערידזש יוניט קען צושטעלן עצות און הילף סיי פון פאר דעם און אויף דערנאך וואס איר באריכט עס פאר די פאליציי, און אויך אויב איר וועלט אויס עס בכלל נישט צו באריכטן. די פארגעלייגטע הילף לויפט אין א ראטע פון צושטעלן אינפארמאציע און אנווייזונגען צו העלפן בריטישע וויקטימס פון איבער'ן וואסער זיך צוריקצוקערן צו די UK.

קעיסארבעטערס האבן ערפארונג אין האנדלען מיט קולטורליכע, סאושעל, און עמאציאנאלע אנגעלעגנהייטן וואס נעמט ארום געצוואונגענע הייראט.

די געצווינגענע הייראט איינהייט קען צושטעלן ראט און שטיצע צו סיי וועם אין די ענגלישע, אפגעזען פון זייער נאציאנאליטעט. איבערן ים, אונזערע בריטישע אמבאסאדעס, הויכע קאמיסיעס און קאנסולאטן קענען צושטעלן קאנסולארע הילף צו בריטישע נאציאנאלן (אריינגערעכנט דאפלטע נאציאנאלן), און אין געוויסע אומשטענדן צו א נאציאנאלע Commonwealth.

רופט:
(+44) (0) 207 008 0151 מאנטאג ביז פרייטאג פון 9 אזייגער צופרי ביז 5 אזייגער נאכמיטאג
(+44) (0) 207 008 1500 גלאבאלער ענטפער צענטער (אינדרויסן פון שעות)
אימעיל: FMU@fco.gov.uk

# איר זענט
# נישט אליין

עס איז נישט אומגעווענליך צו פילן אליין אויב איר אדער איינער וועם איר קענט ווערט ארייגעצווינגען צו הייראטן. אבער איר זענט נישט אליין. יעדע יאר, ווערן עטליכע הונדערט פעלער איבערגעגעבן צו אונז, פון פרויען און מענער פון אלע עלטער, אפשטאמען און רעליגיעס, אריינגערעכנט פון די LGBTQ+ קאמיוניטי. דאך, פיל מענטשן מעלדן נישט איין וואס עס געשעט צו זיי, אדער וואס זיי טראכטן אז עס טוט מעגליך געשען צו איינער וועם זיי קענען.

די אמת'ע געשיכטעס ווייזן אז געצוואונגענע הייראט קען געשען צו יעדעם איינעם, אפגעזען פון עלטער, מין, רעליגיע אדער עטניסיטי - און אז דאס באריכטן קען ראטעווען לעבנס. (די גערופענע נעמען זענען נישט קיין עכטע נעמען.)

# עישע׳ס געשיכטע

**”איך בין געווען 15 און גראד פארן ענדיגן מיין GCSEs ווען איך האב איינגעזען אז דעד פלאנט מיר אוועקצושיקן צו הייראטן מיין עלטערע קוזין. דעד איז אלעמאל געווען אויפגערעגט און האט צומאל געשלאגן מיר און מיין מאם. מאם האט נישט געוואלט איך זאל חתונה האבן אזוי יונג, אבער זי האט צו שטארק מורא געהאט אים צו זאגן ניין. איך האב געטראכט אז דעד קען מיר ארייננארן צו פארלאזן דעם לאנד און דערנאך אוועקנעמען פון מיר מיין טעלעפאן אז איך זאל נישט קענען בעטן פאר הילף.“**

---

עישע האט עס דערציילט פאר א לערער אין איר שולע, וועלכע האט גערופן דעם פארסט מערידזש יוניט. דער פארסט מערידזש יוניט האט געארבעט מיט דער טשילדרענס סאשעל קעיר צו באקומען א פארסט מערידזש פראטעקשען ארדער, מיט וועלכע מען האט סערווירט עישע׳ס דעד. דער ארדער האט צוריקגעהאלטן דעם געצוואונגענעם הייראט ווייל עישע׳ס פאטער האט נישט געקענט ארויסנעמען עישע פון דעם לאנד און האט זיך נישט געקענט איינגעבן פאר א פאספארט אין איר נאמען. עישע האט מורא געהאט צו פארבלייבן אינדערהיים און האט דעריבער באקומען א פארזיכערטע צייטווייליגע פלאצירונג. עישע׳ס מאמע האט געארבעט מיט טשילדרענ׳ס סאשעל קעיר און איז געווארן געשטיצט צו פארלאזן עישע׳ס פאטער. עישע וואוינט יעצט פארזיכערט מיט איר מאם און יונגערע ברודער׳ס און האט געקענט ענדיגן איר GCSEs.

## זייאד׳ס געשיכטע:

איך בין געווען 25 ווען מיינע עלטערן האבן מיך גענומען צו פאקיסטאן פאר א משפחה חתונה. ווען איך בין דארט אנגעקומען האב איך אויסגעפונען אז עס איז איך וואס גייט חתונה האבן. איך האב נישט געוואלט אבער מיין מאם האט אסאך געזונט פראבלעמען און יעדער האט געזאגט אז איך מאך איר קראנק מיטן נישט צושטימען. נאך טעג פון זאגן ניין האב איך ענדליך אויפגעגעבן און צוגעשטימט צו מיין משפחה'ס ווּנטש. ווען איך בין צוריקגעקומען צו די UK, האב איך פרובירט צו פארגעסן דערפון און ווייטער גיין מיט מיין לעבן. אבער דעמאלטס האט מיין ווייב'ס משפחה מיר אנגעהויבן צו דרוקן צו ארייננגעבן א וויזע אפליקאציע פאר איר צו קומען צו די UK. זיי פלעגן מיך רופן און מיר סטראשענען.

---

זייאד האט גערופן דעם פארסט מערידזש יוניט אין דעם ערשטן געלעגנהייט און דער פארסט מערידזש יוניט האט אים ערקלערט וואס זיי קענען אים העלפן ווייל ער איז געווען א צוריקגעהאלטענע ספאנסער.

# קהאדידזשא'ס געשיכטע

איך פלעג אסאך האבן פראבלעמען אינדערהיים, פארן טראגן מעיק-אפ אדער ווילן בלייבן שפעט אינדויסן מיט מיינע פריינט. מיין מאם האט עס נישט ליב געהאט און מיר פלעגן זיך אסאך ארום טענה'ן. ווען איך בין געווען 19, האט זי מיר געזאגט אז מיר גייען אויף האלידעי צו באזוכן מיין באבע אין סאמאליע. ווען איך בין דארט אנגעקומען, האט מיך מיין מאם אראפגעלאזט ביי א באורדינג שולע און זי האט מיך געזאגט אז איך דארף דארט בלייבן ביז איך לערן מיך אויס צו ווערן א וואוילע סאמאלי טאכטער. זי האט אוועקגענומען מיין פאספארט און מיך דארט געלאזט. די שולע איז עכט געווען שלעכט. זיי פלעגן אונז שלאגן און זיי האבן מיך געזאגט אז אויב איך וויל ארויסגיין דארף איך חתונה האבן מיט איינע פון די וועכטער.

קהאדידזשא האט געהאט באהאלטן א טעלעפאן. זי האט דערציילט פאר איר אינגלפריינט וואס עס איז געשען און ער האט גערופן דעם פארסט מערידזש יוניט. דער פארסט מערידזש יוניט האט געארבעט מיט דער פאליציי אין די UK צו באקומען א פארסט מערידזש פראטעקשאן ארדער, וועלכע האט געפאדערט פון קהאדידזשא'ס מאם צו צוריקגעבן קהאדידזשא'ס פאספארט, איר ערלויבט צו פארלאזן דעם שולע און צו באשטעלן א פלייט צוריק צו די UK. דער פארסט מערידזש יוניט האט געהאלפן קהאדידזשא צו טרעפן קורץ-טערמיניגע פארזיכערטע אקאמאדאציעס ווען זי איז צוריקגעקומען צו די UK. זי וואוינט יעצט אין א רעפיודזש און באקומט הילף פון ספעציאליסט פראפעסיאנאלן צו צוריקבויען איר לעבן זעלבסטשטענדיג פון איר פאמיליע. (דער בריטישער אמבאסי מאגאדישא שטעלט נישט צו קאנסולער סערוויסעס. אויב איר זענט אין סאמאליע אדער סאמאלילאנד קענט איר קאנטאקטן דער בריטישער הויכע קאמישאנער נעיראבי.)



# מאנדיפ׳ס געשיכטע

**נעכטן ביינאכט האב איך געהערט מיינע עלטערן רעדן וועגן זייער רייזע קיין אינדיע דעם זומער און זייער פלאן פאר מיין ברודער צו חתונה האבן ביז דערווייל וואס מיר זענען דארט. מיין מאם האט געזאגט אז זיי ווערן צו אלט צו קעיר נעמען פון אים און זי האט געטראכט אז עס וואלט געווען די בעסטע פאר אים אויב ער האט א ווייב וואס זאל דאס טון פאר אים. מאנדיפ ליידט פון שווערע לערנען דיסאביליטיס און ער פארלאזט זיך אויף מאם און דעד פאר יעדע וויכטיגע פליכט. איך טראכט עכט נישט אז ער פארשטייט עפעס פון זיין אין א הייראט.**

מאנדיפ'ס שוועסטער האט געקאנטעקט דעם פארסט מערידזש יוניט צו ארויסברענגע אירע זארגן איבער איר ברודער'ס מצב און זיין מעגליכקייט צו פארשטיין וואס עס וועט געשען צו אים. דער פארסט מערידזש יוניט האט געמאכט א רעפעראל צו די לאקאלע עדולט סאושעל קעיר טים ערקלערנדיג זיי דעם מצב און געפרעגט אויב זיי וואלטן געקענט מאכן א מענטעל קאפאציטעט אפשאצונג אויף מאנדיפ, פארזיכערנדיג אז די קוואל פון אינפארמאציע פארבלייבט אנאנים. מאנדיפ האט שוין געהאט באקומען הילף פון דעם לערנען דיסאביליטי טים, אבער זיי האבן נישט געוואוסט פון דעם אויפקומענדע הייראט. דורך דעם אפשאצונג, האבן זיי געטראפן אז ער פארמאגט נישט דעם קאפאציטעט צו צושטימען צו סעקס און הייראט. דורך די עצה פון דער פארסט מערידזש יוניט, איז א פארזיכערונג פלאן געלייגט געווארן אין פלאץ, אריינגערעכנט א פארסט מערידזש פראטעקשאן ארדער. דער לערנען דיסאביליטי טים האט דאן געארבעט מיט דעם פאמיליע זיי צו ערקלערן דעם אחריות פון הייראט פאר מאנדיפ און זוכן אנדערע אפציעס פאר זיינע לאנג-טערמיניגע געבויכן.

# מעלקאלם׳ס געשיכטע

איך בין סוזען. מעלקאלם איז מיין טאטע. ער איז 75 אין איז איבער די לעצטע 5 יאר געווארן זייער קראנק מיט אלצהיימער'ס קראנקהייט און זיין דימענטשיע איז געפערליך. ער קען נישט געדענקן אפילו די וויכטיגסטע זאכן אזוי ווי וואו ער וואוינט אדער וויאזוי צו מאכן פרישטיג. דעם לעצטן זוממער האט זיין שכנה פאמאלע מיך געזאגט אז זי האט געבוקט פאר זיי א האלידעי און אז זיי זענען אין ליבשאפט אין אז זיי פלאנען צו חתונה האבן ווען זיי קומען צוריק. איך האב דאס נישט געקענט גלייבן. ווען איך האב געפרעגט מיין טאטען איבער דעם מצב האט ער נישט געדענקט אז ער זאל האבן געזאגט יא פאר א רייזע אבער ער טראכט אז א האלידעי וואלט געווען שיין. ווען איך האב דערמאנט הייראט, האט ער נישט אויסגעזען צו פארשטיין.

---

סוזען איז נישט געווען זיכער אויב דאס וואלט געווארן גערעכנט אלס א געצוואונגענעם הייראט האט זי גערופן דעם פארסט מערידזש יוניט צו פרעגן. זיי האבן ערקלערט אז אויב מעלקאלם האט נישט דעם קאפאציטעט צו צושטימען צו הייראט, וואלט עס געווען א קרימינאלע פארברעכן פאר אים צו זיין חתונה געהאט. א קאפאציטעט אפשאצונג איז גראד געווארן געמאכט ביי עדאלט סאושעל קעיר. עס האט באשטימט אז מעלקאלם האט נישט געהאט קאפאציטעט צו צושטימען צו הייראט און דער באשלוס איז געמאכט געווארן פאר די פאליציי צו נעמען שריט דאס צו אפהאלטן פון געשען.

# אפט געפרעגטע פראגעס

## וואס געשעט ווען איך רוף דעם פארסט מערידזש יוניט?

איר וועט רעדן צו אן ערפארענעם קעיסארבעטער וועלכע וועט אייך אויסהערן און פארשלאגן הילף און אינפארמאציע אראפגעלאזט צו אייער אינדיווידועלע אומשטענדן. זיי וועלן אייך געבן אינפארמאציע איבער אייערע רעכטן און די סערוויסעס אוועילעבל פאר אייך. מיר וועלן נישט קאנטאקטן אייער משפחה.

## זענען רופן צו די פארסט מערידזש יוניט אנאנים?

איר קענט פארבלייבן אנאנים אויב איר ווילט אבער דאס קען באגרעניצן דער סומע פון הילף וואס דער פארסט מערידזש יוניט קען צושטעלן, וועגן דעם וועלן זיי אפט פרעגן פאר איינצלהייטן אזוי וואו אייער עלטער, לאקאציע, און נאציאנאליטעט. סיי וועלכע אינפארמאציע וואס איר טיילט אונז מיט וועט ווערן באהאנדלט מיט קאנפידענטס, חוץ אויב איר זענט אונטער 18 אדער אויב דאס איז א זאפארטיגע ריזיקע פון שאדנס.

## קענט איר צוזאגן מיין פארזיכערונג?

מיר קענען אייך נישט צוזאגן זיכערקייט,אבער מיר קענען אייך לייגן אין קאנטאקט מיט אגענטורן וועלכע קענען אייך העלפן זיין פארזיכערט. איר זאלט אלעמאל רופן פאליציי אויף 999 אויב איר זענט אין א באלדיגן געפאר.

## וואס זאל איך טון אויב איך באשליס צו פארלאזן מיין היים?

פארזיכערטע אקאמעדאציעס ביי א רעפיודזש קענען זיין אוועילעבל פאר וויקטים'ס פון געצוואונגענע הייראט און ספעציאליסט סערוויסעס עקזיסטירן פאר מענטשן פון פארשידענע אפשטאמען. א רעפיודזש איז אסאך מער ווי א פארזיכערטע פלאץ צו שלאפן. ספעציאליריטע שטאב וועט אייך צושטעלן מיט די בויען כלים וואס איר דארפט צו אנהייבן א נייעם לעבן.

## וואס געשעט אויב איך בין איבערן ים אין איך דערגרייך צו אנטלויפן, אבער איך האב נישט גענוג געלט צוריקצופליען אהיים?

אויב בכלל מעגליך, פרובירט צו נעמען אביסל לאקאלע געלט, א מאביל טעלעפאן מיט אינטערנאציאנאלע קרעדיט און א קאפי פון אייער פאספארט (און אויב איר האט רעזידענטס אדער אימיגראציע דאקומענטן פון אן אנדערע לאנד, דאן נעמט דאס אויך). אבער מיר קענען העלפן צו איבערמאכן UK טראוועל דאקומענטן אויב נויטיג. מאכט זיכער אז איר האלט די זאכן פארזיכערט און באהאלטן.

מיר קענען צושטעלן עצות און אייך העלפן פרובירן א סומע פון אפציעס וועגן אייער צוריקער צו די UK. א פארסט מערידזש פראטעקשאן ארדער קען אויך ווערן גענוצט אין געוויסע מצבים צו העלפן דעקן די קאסטן פון אייער צוריקער.

## וואו לאנג וועט עס נעמען ביז איך קען זיך צוריקקערן צו די UK און וואו וועל איך בלייבן ביז אראנדזשירונגען ווערן געמאכט?

מיר וועלן פרובירן צו מאכן אראנדזשירונגען פאר אייך צו צוריקקומען די שנעלסטע מעגליך. אבער, אויב איר דארפט יא בלייבן איבערן וואסער פאר סיי וויפיל צייט, וועלן מיר אייך העלפן טרעפן א פאסיגע פארזיכערטע פלאץ צו פארבלייבן.

## אויב איך בין איבערן ים, וואס וועט פאסירן אויב איך האב נישט מיין פאספארט?

אויב איר זענט א בריטישע נאציאנאל, קענען מיר אייך פארשאפן אן עמערדזשענסי טראוועל דאקומענט, איינמאל וואס מיר זענען צופרידן מיט אייער אידענטיטעט. אויב זענט איר נישט א בריטישע נאציאנאל וועט דער פארסט מערידזש יוניט אייך עצה'נען אויך צו קאנטאקטן דער נאנסטע אמבאסי פון די לאנד פון וועלכע איר האלט אייער נאציאנאליטעט צו בעטן הילף מיטן באקומען א נייע טראוועל דאקומענט.

## איך האב חתונה געהאט איבערן וואסער, איז מיין הייראט גילטיג אין די UK?

אויב אייער הייראט ווערט גערעכנט אלס לעגאל גילטיג אין די לאנד אין וועלכע עס איז געמאכט געווארן, וועט עס אין מערסטנס פעלער זיין גילטיג אין די UK. איר מוזט רעדן צו אן אדוואקאט אפגעזען אין צו איר האט געהאט א רעליגיעזע אדער ציווילע חתונה. א רעליגיעזע גט איז נישט גילטיג לעגאל אין די UK.

## קענט איר מיר נאכאלס העלפן אויב איך בין אונטער 16?

יא מיר קענען. ביטע רופט דעם העלפליין צו איבער שמועסן אייערע אפציעס.

## אויב איך בין נישט א בריטישען נאציאנאל קענט איר מיר נאכאלס העלפן?

דער פארסט מערידזש יוניט קען צושטעלן הילף און שטיצע צו יעדן אין די UK וואס איז אויסגעשטעלט צו געצוואונגענע הייראט אבער מיר קענען נאר צושטעלן קאנסולער הילף פאר בריטישע נאציאנאלס. (אריינגערעכנט דועל נאציאנאלס) איבערן ים.

## קען איך באקומען לעגאלע באשיצונג צו צוריקהאלטן דעם הייראט?

יא. געצוואונגענע הייראט איז א קרימינאלע פארברעכן אין די UK. אויב איר ווערט געצוואונגען צו חתונה האבן קענט איר זוכן לעגאלע באשיצונג דורך דער ציווילער געריכט און/אדער דער קרימינאלער דזשאסטיס סיסטעם.

ווען איר באשליסט וואו אזוי אייך צו באשיצן קענט איר אויסוועלן צו נעמען דעם ציווילען וועג צו זוכן א פארסט מערידזש פראטעקשאן ארדער, אדער צו גיין צו די פאליציי און בעטן א פראסעקיושאן דורך דער קרימינאלער געריכט, אדער ביידע. איר קענט אויך אויסוועלן צו טון קיין איינס פון די זאכן. דער פארסט מערידזש יוניט קען אייך העלפן דורכגיין אלע פון די אפציעס.

פארסט מערידזש פראטעקשאן ארדערס קענען ווערן גענוצט צו צוריקהאלטן איינעם פון ווערן ארייגעצוואונגען אין א הייראט אדער צו באשיצן איינעם אויב א געצוואונגענע הייראט איז שוין פארגעקומען. א מענטש קען ווערן ארעסטירט אויב זיי ברעכן א באפעל. פאר מער אינפארמאציע איבער די ארדערס קענט איר רופן דעם פארסט מערידזש יוניט אדער גיין צו **https://www.gov.uk/government/publications/forced-marriage-protection-orders-fl701**



# הילף און שטיצע

| | |
|---|---|
| פאליציי אין אן אמערדזשענסי | 999 |
| פאליציי אין א נאן-אמערדזשענסי | 101 |
| אשיאנע נעטווארק (לאנדאן) - ספעציאליסט רעפיודזש, עצות, שטיצע און קאונסעלינג סערוויסעס פאר טונקעלע און מיאנאריטעט עטנישע פרויען און מיידלעך פון 14 יאר און עלטער | 0208 539 0427 |
| קינדליין | 0800 1111 |
| אימקאאן - שווארצע פרויאישע ארגאניזאציע וואס אדרעסירט געוואלדטאטן קעגן שווארצע און מיאנאריסטישע פרויען און מיידלעך | 020 7842 8525 |
| IKWRO - פרויען'ס רעכטן ארגאניזאציע (איסט לאנדאן) - העלפט מיטל איסטערן און אפגאהן פרויען און מיידלעך וועלכע וואונען אין די UK | 0207 920 6460 |
| פאראויס (נארט לאנדאן) - אפריקאנישע פרויען-געפירטע ארגאניזאציע וואס ארבעט צו ענדיגן געוואלדטאטן אנטקעגן פרויען און מיידלעך | 0208 960 4000 |

| | |
|---|---|
| פרייהייט טשאריטי | 0845 607 0133 |
| קארמא נירוואנא 'האנאור'-באזירטע אביוז/געצוואונגענע הייראט העלפליין | 0800 5999 247 |
| לאנדאן שווארצע פרויען'ס פראיעקט | 0208 472 0528 |
| מענער'ס עצות ליין | 0808 801 0327 |
| נאציאנאלע דאמעסטישע אביוז העלפליין | 0808 2000 247 |
| ענטפער - פאר וויקטים'ס מיט לערנען דיסאביליטיס | 0207 383 0700 |
| סאמאריטאנס | 116123 |
| שאקטי פרויען'ס הילף (עדינבערג) | 0131 475 2399 |
| שאראן פראיעקט - טשאריטי וואס שטעלט צו שטיצע און עצות פאר עמפינדליכע פרויען, באזונדער פון סאוט אזיאנער אפשטאם, וועלכע זענען געווארן אדער זענען אויסגעשטעלט צו ווערן דיסאוינט פון וועגן אביוז אדער פערסעקיושאן | 0844 504 3231 |
| שעלטער - האוזינג עצות | 0808 800 4444 |
| סאוטהאל שווארצע שוועסטערס - אן אלע-אזיאנער ארגאניזאציע וועלכע לייגט פאר עצות, קאונסעלינג און אנדערע שטיצע | 0208 571 9595 |
| סטאונוואל האוזינג - LGBT האוזינג עצות | 0207 359 5767 |
| סווישטבאורד LGBT+ העלפליין | 0300 330 0630 |
| טרוקעיר האוזינג און סאפורט (בירמינגהאם) | 0121 554 3920 |
| True Honour | 07480 621711 |